## ער לעבט פאַר דער קונסט

אַנ׳אַרטיסט פון „סקאַלאַ״ זאָגט צו אַ צווייטען אַרטיסט: אויב דו ווילסט האָבען אַ גוטען שניי־דער טאָ גײַ צו ראָזענשטיינען, ער איז אַ גוטער בעל־מלאכה, אַלע אַרטיסטען לאָזען זיך ביי איהם נייען.

— אַזוי? — האָט דער צווייטער געענטפערט, אויב אַזוי קענסטו מיר זאָגען פון וואָס לעבט ער?

## צווישען שרייבער

ערשטער: דו זעהסט, אָט געהען מיינע קינדער.

צווייטער: דאָס זענען כאָטש יאָ דיינע אָרי־גינאַלען?

## וועלכע איז ביליגער?

איך האָב צוויי טעכטער: איינע זאָגט, אַז זי וועט פריהער נישט חתונה האָבען ביז זי וועט אַלט ווערען דרייסיג יאָהר, און די צווייטע זאָגט, אַז זי וועט פריהער נישטן אַלט ווערען דרייסיג יאָהר ביז זי וועט חתונה האָבען.

## א וואַזשנע סעזאָן

ביי דער קאַסע פון אַ היגען קינאָ איז די היינ־טיגע וואָך געווען אַנ׳אויפשריפט:

„אַלע פלעצער נישט פערקויפט״.

## זי איז געזונד ווי א נוס

פּאָטער (צום בחור, וואָס איז געקומען שויען די טאָכטער): נו, ווי געפעלט אייך מיין טעכטערל? זי איז געזונד ווי אַ ביס!

בחור: יאָ, מ׳זעהט עס, ווי אַזוי דען וואָלט זי פערלעבט אַזאַ עלטער!...

## זי איז נעבעך מיאוס אריינגעפאלען

### צווישען קאַלעזשאַנקעס

נו, ווי לעבט זיך דיר עפּעס מיט דיין אַלטען מיליאָנער?

— ביטער! ער האָט מיך מיאוס אָפּגענאַרט. פון זיין מע־ , האָב איך מיך דערוואוסט אַז ר׳איז מיט גאַנצע צוואַנציג יאָהר יונגער ווי ער האָט מיר איינגערעדט.

## משוגעים, נעבעך!

### געזעהען און פערצייכענט אין „האַכאַנובקע״

בעת אַ בעזוך אין „קאַכאַנובקע״ פרעגט אַ זשורנאַליסט דעם דאָקטאָר ווער איז דאָס דער, וואָס זיצט אויפ׳ן הילצערנעם פערד?

— ער איז משוגע געוואָרען צוליב דעם, וואָס אַ מיידעל האָט איהם אָפּגעזאָגט חתונה צו האָבען מיט איהם.

— און ווער איז דער, וואָס האַקט זיך דעם קאָפּ אין דער וואַנד?

— דער האָט טאַקע חתונה געהאַט מיט דעם מעדעל, וואָס האָט נישט געוואָלט חתונה האָבען מיט יענעם, וואָס זיצט אויפ׳ן הילצערנעם פערד.

## ער האט א בעסערען זכרון

ווייב (צום מאַן): אַך מיין גאָט! וואו האָב איך אַהינגעטאָן מיין קאָפּ דעם מאָמענט, ווען איך האָב געשלאָסען מיט דיר חתונה צו האָבען?

מאַן: אין מיינע אָרימס אויף אַ באַנק אין „הע־לענאָוו״.

—:XX:—

# פוילען — א לאנד פון חכמים

## וואס דאקטוירים זאגען, און וואס דער „קונדס״ זאגט

דאָקטוירים שטעלען פעסט ,אַז הונגער ווירקט זעהר גוט אויף די גייסטיגע ענטוויקלונג פון מענש. אויב דאָס זאָל זיין אמת, וועט פוילען מיט דער צייט ווערען אַ לאַנד פון לויטער חכמים...

# בעסער שפעטער ווי קיינמאל נישט

## אדער: מענדעלע כטערצעווער׳ס טרייסט

מענדעלע סטערצעווער איז מיט צוויי חדשים צוריק געשעהן אַנ׳אומגליק: זיין ווייב איז איהם געשטאָרבען.

די הייבטיגע וואָך איז מענדעלע פון גרויסע צרות... געשטאַנען אונטער דער חופה מיט אַ יונג מעדעל.

פאַר דער חופה האָט זיך דער „חתן־בחור״ שטאַרק צעוויינט.

— וואָס וויינסטו אַזוי שטאַרק? — האָט איהם געפרעגט דער שדכן.

— פאַרוואָס מיין ווייב איז נישט געשטאָרבען כאָטש מיט אַ צעהן יאָהר צוריק — האָט מענדעלע געכליפּעט.

— בערוהיג דיך מענדעל — בעסער שפּעטער ווי קיינמאָל נישט — האָט דער שדכן געענטפערט.

# צווישען שטרויענע עלמנ׳ס

## אונטערגעהערט אויף דער באַהן־סטאַציע איז קאַלומנע

ערשטער: גיב מיר אַנ׳עצה, וואָס טוט מען? ווען איך קום אויף דער זומער־וואוינונג, טרעף איך מיין יודענע הוידען זיך אין האַמאַק מיט׳ן ווירטס כניאָק.

צווייטער: דו מוזט אַ סוף מאַכען דערצו, זיי ענערגיש און ווייז אַז דו ביזט אַ מאַן.

ערשטער: איך האָב טאַקע אַזוי געטון.

צווייטער: וואָס האָסטו געטון?

ערשטער: כ׳האָב פערקויפט דעם האַמאַק.

# פון ווישניאווא גורא

## א העפליכער גאספאדאזש

ליעטניק: (צום ווירט): וואָס איז דאָס פאַר׳ן ווירטשאַפט? אין מיין צימער פעהלען אין פענסטער צוויי שויבען, דער ווינד רייסט, אַז די האָהר שטעלען זיך מיר קאַפּויר, זעהט דאָס וואָס גיכער צו ער־לעדיגען.

אין אַ שעה אַרום קומט צום ליעטניק אַ יונג־גערמאַן מיט אַ קעסטעלע אין דער האַנד, און שטעלט זיך איהם פאָר:

— איך בין אַ פריזיער ,דער ווירט האָט מיך בעשטעלט כ׳זאָל אייך אָפּשערען די האָהר.

# אויפ׳ן היטלער־פראנט



דער יוד געהט נישט אין דער מלחמה אריין — דאָס איז אַ בעזלינער יוד, וואָס געהט בימי היטלער אין דער גאַס אריין זוכען אַ מאָרק פרנסה.

## רעקלאמע-פארציעס

### אין אַ לאָדזשער ערשט־ראַנגיגען רעסטאָראַן

גאַסט (צום קעלנער): וואָס גיט איהר מיר היינט אַזאַ קליינעם קאָטלעט ,בעכטען א׳ן דער קאָט־לעט געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס.

קעלנער: ווי זענט איהר בעכטען געזעסען?

גאַסט: נו, דאָרט ביים פענסטער.

קעלנער: נו, יאָ, ביים פענסטער ,וואָס געזעהן אַרויס אין גאַס, געבען מיר איבריג רעקלאַמע־פאָר־ציעס!...

## אויפ׳ן ווארשעווער ברענט דאס היטל...

אויף דער באַהן פון וואַרשאָ קיין לאָדז, פרעגט איין יוד דעם צווייטען:

— זענט איהר נישט אַמאָל אַ וואַרשאַוער?

— וואָס פרעגט איהר דען, איך האָב דען אייך עפּעס צוגענומען?

## צו דער ריכטיגער צייט

וואָס זאָגסטו נישט צו לייזער לעדערשניטערס זוהנדעל. ער איז דאָך אַנטלאָפען פון היינטיגע דער חופה!

3

— וואָס איז? ער איז אַראָפּ פון שכל?

— פערקעהרט ער איז געקומען צום שכל!

# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

בייל‍אַגע צום נייעם פאלקסבלאַט נומער 182

פרייטאג, דעם 5 אויגוסט 1932

## זיי „אפערירען״ מיט „זאכליכע״ ארגומענטען





דורך דעם „פּאַראַדנע איינגאַנג״ זענען עס די דייטשע יודען געגאַנגען ערפיהלען זייער בירגערליכען חוב...







אויבען רעכטס: פרייוויליגע־ארבייטסדיגסט אין דייטשלאנד האט געעפענט די ערשטע ארבייטס־אויס־שטעלונג.

---

אינדערוייט רעכטס: דאס אמעריקאנער פארפאלק ברעס, האט אונטערגענומען א ליפט־רייזע וואס וועט דויערען דרייסיג טעג אהן איבעררייס.

---

אויבען אינדערמיט: דאס ערשטע ראדיא־בילד פון דער אלימפיאדע אין לאס־אנדזשעלאס, די דעפילאדע פון פארשטעהער פון 49 מלוכות וואס בעטייליגען זיך אין דער אלימפיאדע.

---

לינקס: קארל האמערשמידט, דער פיהרער פון די דייטשע זינגער, איז געשטארבען.

---

אונטען רעכטס: רודאלף איסמאר, מינכען, האט בעקומען א גאלדענעם מעדאל אויף געוויכט־הויבען. אויף דער אלימפיאדע. אין קרייז: עללען ברוינמילער האט בעקומען א זילבערנעם מעדאל וועלכע האט געווינען דעם צווייטען פלאץ.









אויבען לינקס: דער אלימפיא־סטאדיאן אין עלעקטרישער בעלייכטונג.

---

אינדערוייט לינקס: קוסאטשינסקי, (פוילען) וועלכער האט אין וועט־לויפען בעקומען א גאלדענעם מעדאל אויף דער אלימפיאדע אין לאס - אנדזשעלאס.

---

אונטען לינקס: די קאנקורענטען פון קוסאטשינסקין: אין שנעל־לויפען: פון לינקס: דער נעגער טאלאן, דער נעגער מעטקאלף, דער דייטש ראנאט.

---

רעכטס: 150־טע יאהרצייט פון אנדרע מארגראף דער כעמיקער וועלכער האט געגרינדעט די צוקער אינדוסטריע.

---

אינדערמיט: קעניג קארל אין זיין זוהן מיכאעל אין סקויטען אוניפארמען.





ענדערונג אין פראנצ. אויסערן־מיניסטעריום: פיליפ בערטעלא (לינקס)) טרעט אפ זיין ארט אלס גענעראל סעקרעטאר דעם פראנצ. באטשאפטער אין מאדריד זשאן הערבעט.















אויבן : דער נייער קוואל אין וויסבאדען.





אויבן רעכטס: די נייע פארסעוואל־ לופטשיף האט זיך דאס ערשטע מאל אויפגעהויבן אין דער לופט.

אינדערזייט רעכטס: דער ענגלישער גייסטליכער דאַר־ווידואן, וועלכער איז אנגעקלאגט געווארען פאר אומ־מאראליש זיך אויפפיהרען איז געווארען א קאבאַר־עט־ארטיסט.

אונטען רעכטס.: דייטשע פרייוויליגע זאמלען נדבות פאר די ,וואס האבען געליטען פון פאר־פלייצונג.



דער דייטשער געלד־פעלשער ד״ר סאלאבאן (שט״ב) מיט זיין פרוי פאר׳ן געריכט. זיי האבען געברענגט אין פערקעהר 40 טויזענד פאלשע 2־מארק־שטיק.



אויבען לינקס : טרויער־הזכרה נאך די דערטרונקע־נע פון „ניאבע“, איז פארגעקומען אין סווינעמינדע

אינדערזייט לינקס: גענעראל שלייכער רעדט דורך ראדיא.

אונטען לינקס: דאס פייער־שיף „פעהמארנבעלט“ איז אנגעקומען א פאר מינוט צו שפעט דער דערטרונ־קענער שיף „ניאבע“ צו הילף.





גלח ד״ר זייפעל, בעקאנטער עסטרייכי־שער מלוכה ־ מאן איז געשטארבען אין עלטער פון 56 יאהר.



פראַ־ץ שטעהר, וועלכער איז ארויסגעזוקט דורך די נאצי־אנאל־סאציאליסטען אויפ׳ן אמט פון רייכס־פרעזידענט.



